ויגש תשפ"ו
גליון 265

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'ן

בְּרֶסְלֶב עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ צוֹם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת יָאר תָּר"ה. עֶס הֶערְשְׁט אִינְדְרוֹיסְן אִין גַאס אַ בִּיטֶערֶע קֶעלְט אוּן פִינְסְטֶערנִיש. אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע הַייזְקֶעלֶעך זִיצְט דֶער "מֹחַ" פוּן דִי וֶועלְט, מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב - דֶעם רֶבִּי'נְס גְרֶעסְטֶער תַּלְמִיד – אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא אוּן שְׁפִּיץ שְׁטֵייט זַיין גֶעטְרֵייעֶר מְשַׁמֵּשׁ נֶאֱמָן אוּן תַּלְמִיד מֻבְהָק ר' נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין, זַיין זוּן ר' יִצְחָק אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶ'ע תַּלְמִידִים. ר' נָתָן רֶעדְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע רֵייד וָואס אִיז אַזוֹי וִוי זַיין לֶעצְטֶע צַוָּאָה: "עֶנְק זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט!"

רֶעדְנְדִיג זַיינֶע לֶעצְטֶע דִיבּוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט רוּפְט עֶר זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אָן: "וֶועלְכֶע דְרֵיי צָרוֹת אִיז גֶעשֶׁען חֹדֶשׁ טֵבֵת?" דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ זָאגְן! אוּן ר' נָתָן עֶנְטְפֶערְט: "א) עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן ב) דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשׁ אוֹיף יְוָונִישׁ ג) דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אִיז צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן אוּן דֶער מֶלֶךְ בָּבֶל הָאט אִיר אֵיינְגֶענוּמֶען". רַבִּי נָתָן הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ מַסְבִּיר זַיין זַיינֶע רֵייד:

"נוּ אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט (ר' נָתָן הָאט דָאס גֶעמֵיינְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין) אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַזוֹיפִיל מָאל וִוי סְ'אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל! נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'נְס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן פַאר אַלְסְדִינְג. נוּ זָאג אִיךְ אַייךְ אָן; אֵייעֶר בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים - סְ'זָאל זַיין "יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה," אִיהְר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט, מִיט רָצוֹן, אוּן מִיט טִרְחָה!"

רַבִּי נָתָן הָאט בַּאלְד דֶערְנָאךְ זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין טַלִּית וּתְפִילִין מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת. וֶוען מֶען הָאט גֶעלֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה "וַיְחַל מֹשֶׁה" הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גְרוֹיסְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר ר' נַחְמָן בֶּן ר' עוֹזֵר: "גִיבּ מִיר דֶעם כָּל טוֹב," הָאט ר' נַחְמָן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "גִיבּ מִיר דֶעם תַּנַ"ךְ דָאס אִיז דֶער "כָּל טוֹב"."



רַבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "טָאמֶער עֶס וֶועלְן קוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן טַאנְצְן מִיט אַ פִידְל פַאר מִיר וֶועט עֶס מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּה זַיין." שְׁפֶּעטֶער

הָאט רַבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ יִצְחָק עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען דִי קִיכְל פוּן שַׁבָּת אוּן הָאט גֶעגֶעסְן בְּדֹחַק אַ כְּזַיִת, מִיט אַבִּיסְל יוֹךְ אוּן אַבִּיסְל צִימֶעס. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, בַּיים בֶּענְטְשְׁן הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט "הָרַחֲמָן הוּא יַמְשִׁיךְ לָנוּ קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

רַבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אַלֶע גֵיין אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת וֶוען אַלֶע זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה הָאט זִיךְ אִים דִי קְרֶענְק זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען, הָאט דִי צַדֵיקֶת אָדְל - דֶעם רֶבִּי׳נְס טָאכְטֶער - גֶעפְרֶעגְט: "אִיז אַייךְ עֶפֶּעס עֶרְגֶער גֶעוָוארְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "סְ'אִיז מִיט גְרוֹיס חֶסֶד..."

פוּן דַאן הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט דִי פְּסוּקִים פוּן קְרִיאַת שְׁמַע עַל הַמִּיטָה. יְבָרֶכְךָ הַשֵּׁם וְיִשְׁמְרֶךָ. בִּרְכַּת הַמַּפִּיל חֶבְלֵי שֵׁנָה. מֶען הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶר דַאוְונְט מִנְחָה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן סְלַח לָנוּ הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶע׳חַזְרְ׳ט גָאר אַסַאךְ מָאל דִי וֶוערְטֶער "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ". דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעדַאוֶונְט תְּפִלַּת שַׁבָּת וֶוען מְ׳הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן בִּנְשִׁיקָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ שְׁבָחִים אוֹיף רַבִּי נָתָן אִין סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ ר׳ אַבְרָהָם בֶּן ר׳ נַחְמָן מְ׳טוּלְטְשִׁין זַ"ל. אִין חָכְמָה וּבִינָה אוֹת ל"ט שְׁרֵייבְּט עֶר אַז אַזוֹי וִוי דִי גַאנְצֶע מִלְחָמָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַנְטְקֶעגְן עֲמָלֵק הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן אִין זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי מִלְחָמָה פוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַנְטְקֶעגְן דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה גֶעוָואנְדְן אִין רַבִּי נָתָן דֶער תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי׳ן. דֶערְפַאר אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף רַבִּי נָתָן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶע׳רוֹדֶפְ׳ט אוּן גֶעפַּיינִיגְט, בַּאשְׁמִיצְט אוּן פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיין הוֹיז אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳נֶען הַשֵּׁם יְרַחֵם אוּן דָאס אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי׳נְס חִזּוּק פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן דַּרְגָּה אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז עֶר רֶעדְט טַאקֶע פוּן אַלֶע מִדּוֹת אָבֶער רוֹב פוּן



זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְקוּת צוּ שְׁטַארְקְן אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֲמָלֵק ווִיל זֵיי מְיָאֵשׁ זַיין און רַבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע זִיסֶע רֵייד אִיז מְחַזֵק יֶעדְער אִיד בַּאזוּנְדֶער.

ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן פִּירְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז דִי וֶוערְטֶער "חַנוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ" בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דֶער נָאמֶען "נָתָן" ווייל פּוּנְקְט דָאס אִיז גֶעוֶוען רַבִּי נָתָן'ס זַאךְ - צוּ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר און צוּטְרֶעפְן אַ פַארְצֵייאוּנְג פַאר אַ יֶעדְער אִיד אִין יֶעדֶער מַצָּב.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זָאלְן וֶוערְן צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט און וֶוען דִי פֵייעֶרְדִיגֶע דִיבּוּרִים וֶועלְן נִתְפַּשֵׁט וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה אָמֵן וְאָמֵן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. (שָׁם חֵלֶק אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן)

## א געשמאקע תפלה



בַּאשֶׁעפֶער מַיין גָאט, הֶעלְף מִיר און שְׁטַארְק מִיר אִין דַיין דִינְסְט מִיט אֱמֶת, הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ דַיינֶע עֶרְלִיכֶע און תְּמִימוּת'דִיגֶע לַייט וועלְכֶע גֵייעֶן אִין דַיינֶע וֶועגְן מִיט אַן אֱמֶת, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין כֹּחַ מִיךְ אָפְּצוּהַאלְטְן פוּנֶעם אֱמֶת'ן וֶועג אוֹיף קַיין שׁוּם אוֹפֶן זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין. שְׁטַארְק מַיין דַעַת מִיט דַיין אֱמוּנָה עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְזֶען אִין מַיינֶע אוֹיגְן ווִי אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט

"אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אֵיינֶער אַלֵיין אִיז אַבְרָהָם גֶעוֶוען! אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּהֶערְן און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעָה אָדֶער לֵיצָנוּת, צֶעמִישֶׁענִישְׁן וָואס גֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אָדֶער חָבֵר אֲפִילוּ עֶר אִיז גְרֶעסֶער אָדֶער עֶרְלִיכֶער פוּן מִיר זָאל מִיר נִישְׁט צֶעמִישְׁן פוּנֶעם גְלֵייכְן אֱמֶת'ן וֶועג.

אִיךְ זָאל זִיךְ נָאר פִּירְן אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג וָואס אִיךְ הָאב גֶעלֶערְנְט פוּן יוּנְגְווייז אָן פוּן אוּנְזֶערֶע אֱמֶת'ע עֶרְלִיכֶע רֶבִּי'ס.

(ליקוטי תפלות, תפלה קמ"ט)

# אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט,
# אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט



אִין יָאר תר"ד הָאט ר' נָתָן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן ר' נַחְמָן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן הרה"ח רֶבִּי יִשְׂרָאֵל פוּן שְׁטָאט לִיפָּאוִויץ, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר פַאר ר' נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶס גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם טָאג פוּן דֶער חֲתוּנָה, אִיז ר' נָתָן גֶעפָארְן בַּאגְלֵייט מִיט עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט צוּ דֶער חֲתוּנָה. עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כַּלָּה אוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט צוּ גֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם חָתָן מִיט גֶעזֶענְג. וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז ר' נָתָן קוּמְט צוּ פָארְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן שְׁטֵיינֶער אִים צוּ מְקַבֵּל פָּנִים זַיין... אוּן אַזוֹי אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁעוּ, וֶוען ר' נָתָן מִיט זַיין זוּן דֶער חָתָן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט, זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים אִים בַּאפַאלְן.

ר' נָתָן הָאט צוּגֶעזֶען דִי קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן וָואס אִיז דָארְט פָארְגֶעקוּמֶען, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט, צוּם נָאנְטְן וַואלְד, וֶוען אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער מְחוּתָּן ר' יִשְׂרָאֵל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצִיֶע, וואוּ דִי אָפִיצִירְן זֶענֶען טַאקֶע גֶעקוּמֶען אָפְּשְׁטֶעלְן אַז דִי חֶבְרָה זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאגְן אוּן פַארְפִירְן.

וֶוען דִי קְרִיג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער גֶעטְרֵייעֶר גַּבַּאי פוּן ר' נָתָן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער בַּאמֶערְקְט אַז ר' נָתָן אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז ר' נָתָן גֶעפִינְט זִיךְ אִין... וַואלְד, עֶר גֵייט אַרַיין טִיף אִין וַואלְד אוּן זֶעט, וִוי ר' נָתָן זִיצְט אִין וַואלְד אוּן רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן...

עֶר לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר אוּן הֶערְט וִוי דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען אַרוֹיס פוּן ר' נָתָנְ'ס הֵיילִיגֶע מוֹיל: "... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶועלְכֶער מְחוּתָּן הָאט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים וִוי מַיינֶע? אַז אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, הָאט עֶר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? אִיז דָאךְ דָאס נָאר דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ רֶעד פוּנֶעם רֶבִּי'ן".

ר' נָתָן הָאט זִיךְ דַאן גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם פָּסוּק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְבָאֵר אִין תּוֹרָה ס"ו "שֶׁעִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ שֶׁל כָּל הַיְרֵאִים וְהַכְּשֵׁרִים יִהְיֶה רַק לֶעָתִיד לָבוֹא" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע לַייט. ר' נָתָן הֵייבְּט אָן זִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער מִיטְן בַּאוואוּסְטְן נִיגוּן פוּן אֵשֶׁת חַיִל "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶעהְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט נָאר זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט".

ר' נָתָן גֵייט יֶעצְט צוּרִיק צוּ זַיין וָואגְן אוּן פָארְט אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּן דִי חֻפָּה אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן כַּדָּת וְכַדִּין.

# בריש׳ע נייע׳ס

צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן בְּרִיוו וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין בַּאלִיבְּטְן חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי ז״ל.

...אוּיךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ מוֹדִיעַ זַיין דִי אִיצְטִיגֶע נַייעֶס, אִיר זָאלְט וִויסְן אַז סְ'אִיז דָא אַ גָאט - אַ גֶעוֶועלְטִיגֶער- אוּיף דֶער וֶועלְט, אוּיף דִי הִימְלֶען פוּן אוּיבְן אוּן אוּיף דֶער עֶרְד פוּן אוּנְטְן, עֶר לֶעבְּט אוּיף אֵייבִּיג אוּן עֶקְזִיסְטִירְט אוּיף נִצְחִיוּת, גֶעלוֹיבְּט אִיז זַיין נָאמֶען אוּיף אֵייבִּיג, אוּן דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקַייטְן, כָּאטְשׁ אַז רוֹב וֶועלְט זֶענֶען פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת, [זֶע סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י״ב, וֶועגְן דִי מְדִינָה שֶׁל עֲשִׁירוּת] וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁמוּעסֶעַריי, לִיגְט אָבֶּער דִי בְּחִירָה אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, זִיךְ אוּנְטֶער צוּ בֵּייגְן דֶעם אַקְסְל צוּ טְרָאגְן דֶעם יָאךְ פוּן גֵיהִנֹּם נָאךְ אוּיף דֶער וֶועלְט - אַזוֹי וִוי זֵיי אַלֵיינְס הָאבְּן זִיךְ אוּיסְגֶעוֶועלְט - אוּיסֶער פוּן וָואס זֵיי וֶועלְן הָאבְּן בַּיים יוֹם הַדִּין, אוּן צוּם סוֹף וֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אוּנְזֶער וֶועג, אָבֶּער מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק-קֶערְן צוּ זֵייעֶר וֶועג אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעזָאגְט (תהלים מט, יז) אַל תִּירָא כִּי יַעֲשִׁיר אִישׁ וְכוּ' [זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן (מְקַנֵּא זַיין) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט רַייךְ], אוּן אוּיבּ פוּן דֶעם וֶועלְן זֵיי אוּיךְ אָפְּשְׁפֶּעטְן, יְמַלֵּא פִּיהֶם חָצָץ, [ד.מ. זָאל זֵייעֶר מוֹיל וֶוערְן פִיל מִיט שְׁטֵיינֶער] דֶער וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוּיף זַיין רַייכְקַייט, אִיז אַזוֹי וִוי מֶען לַאנְט זִיךְ אָן אוּיף אַ צוּשְׁטוּיסֶענֶעם שְׁטֶעקְן, אֵלֶּה בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵינוּ נַזְכִּיר, וַוייל סְ'אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי פְּגָעִים [אָנְטְשֶׁעפֶּענִישׁ] פוּן דֶער וֶועלְט - וָואס אַ יֶעדֶע הוֹיז אִיז פִיל דֶערְמִיט - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט אַסַאךְ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶסְן אִיבֶּער דֶעם, אוּן נָאךְ אַלְץ דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג דָאס אִיבֶּער רֶעדְן נָאכְאַמָאל, אוּן דֶער כְּלַל אִיז, אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, אַשְׁרֵי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה.

אוּן דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן דָארְט 'הָאפּ' [הָאפּ מֵיינְט אוּיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ "פְרֵיילִיךְ"], אִיז טַאקֶע אֱמֶת וְצֶדֶק וְיַצִּיב וְנָכוֹן וְקַיָּם, וואוּיל אִיז דִיר אוּיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן אִין דֶעם.. נָתָן הַנַּ"ל




*אין קורצן פון פריער:*

***רבי נתן קערט זיך אום אהיים קיין נעמירוב נאכן זיין אפוועזנד פון שטוב פאר צוויי וואכן, פון שבת ערב ראש השנה ביז נאך יום כיפור. אינדערהיים ווארט אים אפ א 'ווארימען' שלום עליכם...***

***אבער פארט האט דער טאטע פארשטאנען אז זיין חשוב'ער זון וועט זיך נישט לאזן אונטערקויפן פון עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן. אויב האט ער זיך אנגעקלעפט אין דעם רבי'ן איז ער זיכער א צדיק וואס וועט אים העלפן שטייגן אין עבודת השם.***

אצינד ליינט ווייטער:

רבי נתן איז אהיימגעקומען מיט א נייע פרישקייט און חיות וואס ער האט נישט פארמאגט ביז דאן. עס האט אים ארומגענומען א דערהויבענעם התעוררות זיך צו נעמען אויספירן די געוואלדיגע עצות אין עבודת השם פון הייליגן רבי'ן וואס ער האט זיך נארוואס געלערנט. זיין גאנצע דאווענען האט באקומען אן אנדערע צורה. ער האט אנגעהויבן צו דאווענען מיט א געוואלדיגע קאך און ברען הויך אויפ'ן קול, און בשעת מעשה פאטשן מיט די הענט.

ווער עס האט געקענט רבי נתן פארדעם און אים געזען נאך יענע צוויי וואכן, האט גלייך געקענט דערקענען א חילוק. זיין התמדה איז געשטיגן אויף א געוואלדיגע פארנעם. פון דעם טאג וואס רבי נתן איז אהיימגעקומען האט ער זיך אריינגעווארפן מיט לייב אין לעבן צו לערנען די סדר פון שיעורים וואס דער רבי האט אים איינגעטיילט.

דער רבי האט אים עקסטער אויסגעשטעלט א פולער סדר הלימוד צו לערנען יעדן טאג אז ער זאל נישט האבן קיין צייט צו הערן די טענות פון זיינע ארומיגע און זיכער נישט פירן קיין ויכוחים. אוודאי האט דער רבי געהאט נאך כוונות דערביי, דאס איז נאר געווען איינע פון די טעמים.

פון צופרי ביז ביינאכט איז רבי נתן געווען פארזונקען אין לערנען. אז איינער האט געוואלט צוקומען צו אים און פארדרייען דעם קאפ, האט יענער געדארפט צווווארטן ביז ער ענדיגט, אבער ס'האט גענומען זייער לאנג ביז ער האט געענדיגט לערנען. אפשר ביז דערווייל האט שוין יענער פארגעסן וואס

ער האט געוואלט זאגן...

צו דאווענען און לערנען מיט א נייע התחדשות, האט רבי נתן נישט געהאט קיין פראבלעם מצד די ארומיגע. יעדער האט פארשטאנען אז א איד דארף שטייגן אין תורה און תפילה. וואס טוט מען אבער מיט התבודדות? ווי אזוי גיבט מען זיך אן עצה? רבי נתן האט אין יענע תקופה געוואוינט ביים טאט'ן אין הויז וואו ער האט נישט געהאט זיין פריוואטן ווינקל וואס ער זאל קענען אפזונדערן פאר זיך. אויב האט ער זיך שוין יא געטראפן עפעס א שטילן ווינקל, איז ער גלייך געשטערט געווארן דורך די אנדערע משפחה מיטגלידער.

מ'קען זיך פארשטעלן אז ס'איז געווען א זיידע־באבע שטוב וואו די קינדער און אייניקלעך באזוכן אפט און מאכן א גערודער און געפולדער.

אבער רבי נתן האט נישט געפלאנט אויפצוגעבן אויף זיין טעגליכע התבודדות וואס דער רבי האט אים געלערנט. איבערהויפט נאכדעם וואס ער האט שוין אנגעהויבן צו שפירן די ליכטיגקייט און געשמאק פון דעם.

אויף דעם האט ער געפונען אן עצה. ער פלעגט אויפשטיין אינמיטן נאכט און זיך ארויסשלייכן פון שטאט צו די דערנעבנדיגע וועלדער וואו ס'איז געווען שא שטיל, פריוואט – נאר ער מיט אויבערשטן. דארט האט ער זיך געקענט אויסגיסן דאס הארץ צום רבונו של עולם אויף אלעס וואס ער גייט אריבער סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אין שטוב האט מען געמיינט אז ער זיצט און לערנט זיך געשמאק דורך די נאכט און אפשר הנאה געהאט פון זיין געוואלדיגע התמדה, אזוי האט מען אים נישט גע'רודפ'ט פאר דעם.

אזוי איז אנגעגאנגען פאר א לענגערע תקופה, ווען קיינער פארדעכטיגט נישט וואס רבי נתן טוט ווען ער שטייט אויף בשעת די וועלט שלאפט טיף. ביז...

...ביז איין נאכט איז ער אנדעקט געווארן. עטליכע אינגעלייט זענען געוואויר געווארן פון דעם מנהג. אפשר איז עס געווען נאר איינער וואס האט אים באמערקט זיך דרייען איבער די גאסן שפעט ביינאכט און ער האט דאס איבערגעגעבן פאר זיינע חברים. זיי האבן אים נאכגעקוקט און געקומען צו דער מסקנה אז רבי נתן איז ווירקליך געווארן א ברסלב'ער און דרייט זיך אין די וועלדער צו מאכן התבודדות.

צו רבי נתנ'ס מזל, האבן זיי געהאט שכל און האבן זיך געהיטן דאס מויל. זיי האבן פארשטאנען אז רבי נתן וויל זיכער האלטן די זאך אין געהיימניס און האבן דאס נישט ווייטער צעשפרייט און זיכער נישט צו רבי נתנ'ס משפחה.

דער זכות זאל זיי ביישטיין...

סוכות האט זיך דערנעטערט. רבי נתן האט זייער חשק געהאט צו פראווען דעם יום טוב מיט אנשי שלומינו.

ליינט איבער דעם אי"ה אין דעם קומענדיגן נומער

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה י׳
## דֶער בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרִימַאן

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בֶּערְגֶער׳ (דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער ׳סוֹחֵר׳) – עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ׳עוֹשֶׁר׳ – עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ ׳סְחוֹרוֹת׳ – אוּן זַיינֶע ׳וֶועקְסְלְן׳ [שְׁטָרוֹת] אוּן זַיינֶע ׳בְּרִיוְו׳, זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער ׳וֶועלְט׳ – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט ׳כָּל־טוּב׳.

נִידְרִיגֶער פוּן אִים [אוּנְטֶער זַיין הוֹיז], הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ ׳אָרִימַאן׳ – וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ׳אָרִימַאן׳ – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר דֶעם הֵיפֶּךְ פוּן דֶעם ׳בֶּערְגֶער׳ (דְהַיְינוּ: גָאר פַארְקֶערְט – אַזוֹי־ וִוי דֶער ׳בֶּערְגֶער׳ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ׳עוֹשֶׁר׳, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְקֶערְט, אַ גְרוֹיסֶער ׳אָרִימַאן׳).

אוּן דִי בֵּיידֶע – הָאבְּן קַיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט – דֶער ׳בֶּערְגֶער׳, הָאט קַיין ׳קִינְדֶער׳ נִישְׁט גֶעהַאט – אוּן אַזוֹי דֶער ׳אָרִימַאן׳, הָאט אוֹיךְ קַיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט.

אַמָאל הָאט זִיךְ גֶעחָלוֹמְ׳ט דֶעם ׳בֶּערְגֶער׳: ״אַז סְ׳זֶענֶען גֶעקוּמֶען ׳מֶענְטְשְׁן׳ – אוּן הָאבְּן גֶעמַאכְט ׳פַּאקְן ׳פַּאקְן׳ [פֶּעקְלֶעךְ]״!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס טוּט אִיר״?

הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זֵיי וִוילְן דָאס אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְטְרָאגְן, אָט צוּ דֶעם ׳אָרִימַאן׳ (דְהַיְינוּ: [צוּ] דֶעם ׳אָרִימַאן׳ וָואס עֶר הָאט אוּנְטֶער אִים גֶעווּאוֹינְט, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])״!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען, נָאךְ [אוֹיף] וָואס זֵיי וִוילְן זַיין גַאנְץ ׳עֲשִׁירוּת׳ אַוֶועקְטְרָאגְן צוּ דֶעם ׳אָרִימַאן׳.

אוּן בֵּייזֶערְן זִיךְ, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט – וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט ׳פַּאקְן׳ ׳פַּאקְן׳, פוּן גָאר זַיין ׳פַארְמֶעגְנְס׳, פוּן אַלֶע זַיינֶע ׳סְחוֹרוֹת׳, אוּן פוּן גָאר זַיין ׳גוּטְס׳ – אוּן הָאבְּן עֶס גָאר אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן צוּ דֶעם ׳אָרִימַאן׳ הַנַ״ל – אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גָאר נִישְׁט גֶעלָאזְט [אִיבֶּערְגֶעלָאזְט], נָאר דִי ׳לֵיידִיגֶע וֶוענְט׳!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: ״אַז סְ׳אִיז [נָאר] אַ ׳חָלוֹם׳״!

אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט גֶעזֶעהְן, אַז סְ׳אִיז נָאר אַ ׳חָלוֹם׳ – אוּן סְ׳אִיז בָּרוּךְ־הַשֵּׁם בַּיי אִים [גֶעבְּלִיבְּן] זַיין ׳פַארְמֶעגְנְס׳ אִינְגַאנְצְן – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, הָאט אִים דָאס ׳הַארְץ׳ זֵייעֶר גֶעקְלַאפֶּערְט – אוּן סְ׳הָאט אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט דָאס ׳חָלוֹם׳ – אוּן סְ׳הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זִין [גֶעדַאנְק], דֶער ׳חָלוֹם׳.

אוּן דֶער ׳אָרִימַאן׳ (הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) מִיט זַיין ׳וַוייבּ׳ – פְלֶעגְט דֶער ׳בֶּערְגֶער׳ פְרִיעֶר אוֹיךְ הַשְׁגָחָה גֶעבְּן

אויף זיי – און פלעגט זיי אפט צו געבן [געלט] – און היינט נאך דעם 'חלום' – האט ער אויף זיי מער השגחה געגעבן, איידער [מער פון] פריער.

נאר ווען זיי פלעגן צו אים אריינצוקומען – דער 'ארימאן', אדער זיין 'ווייב' – פלעגט אים דאס 'פנים' נשתנה ווערן (דהיינו: פארענדערט געווארן) – און ער איז פאר זיי דערשראקן געווארן – מחמת [ווייל] ער פלעגט זיך דערמאנען דעם 'חלום'.

און זיי – דהיינו: דער 'ארימאן' מיט זיין 'ווייב' – פלעגן אפט צו אים אריינצוגיין – און זיי זענען ביי אים אפט געווען.

אמאל איז צו אים אריינגעקומען, דעם 'ארימאנ'ס' 'ווייב' – האט ער איר געגעבן, וואס ער האט איר געגעבן – און זיין 'צורה' איז אים נשתנה געווארן, און ער איז זייער דערשראקן געווארן – האט זי אים געפרעגט, און האט צו אים געזאגט: "איך בעט איבער אייער 'כבוד' – זאגט מיר, וואס איז דאס, אז ווען מיר קומען צו אייך, ווערט אייער 'פנים' זייער פארענדערט"?

האט ער איר דערציילט די גאנצע מעשה: "באשר [אז] ס'האט זיך אים אזוי געחלומ'ט (כנ"ל) – און זינט דעמאלט אן, קלאפערט אים דאס 'הארץ' זייער (כנ"ל [ווי אויבנדערמאנט])"!

האט זי אים געענטפערט: "איז דער 'חלום' נישט געווען אין דער־און־דער נאכט (וואס זי האט אים געזאגט)"? – ענטפערט ער איר: "יא"!

"וואס איז דען"? ענטפערט זי אים – אין דער [זעלבער] נאכט, האט זיך מיר אויך געחלומ'ט: "אז איך בין א גרויסע 'עשירת' [עושר'טע] – און ס'זענען געקומען 'מענטשן' צו מיר אין 'שטוב' אריין – און האבן געמאכט 'פאקן' פאקן'" – האב איך זיי געפרעגט: "וואוהין ווילט איר דאס טראגן"? – האבן זיי געענטפערט: "צו דעם 'ארימאן'" (דהיינו: צום 'בערגער', וואס זיי רופן אים שוין היינט 'ארימאן')! – בכן [דעריבער], וואס קוקסטו אויף א 'חלום' – אלמיי [נו] מיר האט זיך אויך געחלומ'ט".

און דער 'בערגער' – איז היינט נאכמער דערשראקן געווארן, און איז פארטומלט געווארן – ווייל ער האט דערהערט איר 'חלום' אויך – ווארן עס ווייזט עפעס אויס, אז מען זאל איבערטראגן [אריבערטראגן] זיין 'עשירות', מיט זיין 'גוטס', צום 'ארימאן' – און דעם 'ארימאנ'ס דלות' [ארימקייט], זאל מען [צו] אים איבערטראגן – איז ער זייער דערשראקן געווארן.

ויהי היום – איז די 'בערגערן' [די 'פרוי' פונעם 'בערגער'], געפארן שפאצירן זיך מיט א 'קארעטע' [פארמאכטע וואגן] – און זי האט מיטגענומען מיט זיך נאך 'ווייבער' – און דעם 'ארימאנ'ס ווייב', האט זי אויך מיטגענומען – און זענען געפארן [אויף] א 'שפאציר'.

דערווייל איז דורכגעפארן א 'יעדניראל' [גענעראל], מיט זיין 'חיל' [מיליטער] – האבן זיי אים אפגעטרעטן פון דעם 'וועג' [זיך אוועקגערוקט אין זייט] – איז דאס 'חיל' דורכגעגאנגען.

האט דער 'יעדניראל' געזעהן: "אז ס'פארן 'ווייבער'" – האט ער געהייסן: "אז מ'זאל ארויסנעמען איינע פון זיי"!

זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען, און הָאבְּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם 'אֶרִימַאנְ'ס וַוייבּ' – און זַיי הָאבְּן זִי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דֶעם 'יֶעדְנִירַאלְ'ס קַארֶעטֶע' – און זֶענֶען מִיט אִיר אַוֶועקְגֶעפָארְן!

צוּרִיקְנֶעמֶען, קֶען מֶען שׁוֹין אַוַודְאי נִישְׁט – וָוארְן עֶר אִיז וַוייטֶער אַוֶועקְגֶעפָארְן – בִּפְרַט אַ 'יֶעדְנִירַאל' מִיט זַיין 'חַיִל'.

און דֶער 'יֶעדְנִירַאל' הָאט זִי גֶענוּמֶען – און אִיז מִיט אִיר גֶעפָארְן אִין זַיין 'מְדִינָה' אַרַיין!

און זִי אִיז גֶעוֶוען אַ 'יִרְאַת-שָׁמַיִם' (דְהַיְינוּ: זִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר 'גָאט') – און זִי הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן – און זִי הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט – און מֶען הָאט זִי זַייעֶר גֶעבֶּעטְן, און מְ'הָאט זִי אָנְגֶערֶעדְט – און זִי אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע 'יִרְאַת-שָׁמַיִם'.

און זַיי (דְהַיְינוּ: דִי 'בֶּערְגֶערְן' מִיט דִי 'אִיבְּרִיגֶע וַוייבֶּער') הָאבְּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט פוּן דֶעם 'שְׁפַּאצִירְן' – און דֶעם 'אֶרִימַאנְ'ס וַוייבּ' אִיז נִישְׁט דָא – הָאט דֶער 'אֶרִימַאן' זַייעֶר גֶעוֵויינְט – און הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן 'קָאפּ' אִין דֶער 'וַואנְט' – און הָאט תָּמִיד זַייעֶר גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיף זַיין 'וַוייבּ'!

המשך פון זייט 12

# הֵיילִיגֶע סְחוֹרָה

נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט, און מִיר זֶעעֶן אוֹיךְ אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְבִּיטֶערְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְבִּיטֶערְט און פִיל גֶעוֵויינְט, ווייל עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט נָאר גֶעזֶען וָואס עֶס פֶעלְט אִים".

"און וָואס קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען דֶערְפוּן?" פְּרֶעגְט מוֹשִׁי אֵיידְל. "אַן אֲרִימַאן מֵיינְט נִישְׁט דַוְוקָא אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט. עֶס שְׁטֵייט אַז 'אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת'. אַן אָרִימַאן מֵיינְט אֵיינֶער וָואס עֶס פֶעלְט אִים רִיכְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד. דָאס מֵיינְט, אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט דִי דַעַת צוּ פַארְשְׁטֵיין און גְלֵייבְּן אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ אִים צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף זַיין כֹּחַ און זִיךְ צוּהֶערְן צוּ זַיינֶע רֵייד און אוֹיסְפָאלְגְן זַיינֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, און אוֹיף אִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת.

"ווייל מִיט דֶעם וָואס עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט און פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם צַדִּיק, דֶערְלֵייגְט עֶר שְׁטַארְק בְּרוּחָנִיוּת. און אַזוֹי אַרוֹיף בְּלַייבְּט עֶר ווִי עֶר אִיז און שְׁטַייגְט נִישְׁט, מִיט זַיין גְרוֹיסֶע פוֹילְקַייט און רוּחָנִיוּת'דִיגֶע אָרִימְקַייט. לְמָשָׁל: אוֹיבּ עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ צוּ הֶערְן זַיינֶע רֵייד און תְּפִילּוֹת, דַאוְונְט עֶר נִישְׁט גֶעהֶערִיג, און דוּרְךְ דֶעם בְּלַייבְּט עֶר אָרִים אִין זַיין נִידְרִיגֶע און קְלֵיינְקֶעפִּיגֶע צוּשְׁטַאנְד. און אֵיינֶער וָואס בְּלַייבְּט דֶערְוַוייטֶערְט, וָואס טוּט עֶר דִי גַאנְצֶע טָאג? עֶר וֵויינְט און קְלָאגְט. עֶר וֵויינְט ווייל עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיטְן זֶען וָואס עֶר הָאט נִישְׁט".

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגער מיטןארימאן (1)

**א. וואס איז דער בערגער געווען?**
- ❑ א עושר.
- ❑ א גרויסער עושר.
- ❑ זייער א גרויסער עושר.

**ב. וואס איז געווען דער שכן וואס האט געוואוינט נידריגער פון אים?**
- ❑ א עושר.
- ❑ א אריימאן.
- ❑ זייער א גרויסער אריימאן.

**ג. וואס איז געשעהן צום בערגער נאכן חלום?**
- ❑ זיין הארץ האט אים זייער געקלאפערט.
- ❑ ס'האט אים זייער געארט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. וואס האט פאסירט מיטן בערגער ווען דער ארימאן און זיין ווייב פלעגן קומען צו אים?**
- ❑ זיין פנים פלעגט פארענדערט (אנדערש) ווערן.
- ❑ ער איז דערשראקן געווארן.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט געחלומ'ט די ווייב פון ארימאן?**
- ❑ אז זיא איז ארים און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ❑ אז ז' איז א גרויסע עשירה (עשירות'טע) און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
- ❑ אז ס'זענען געקומען מענטשן און געמאכט פאקן פאקן.

**ו. וואס איז געשעהן צום בערגער נאך וואס די ווייב פון אריימאן האט דערציילט איר חלום?**
- ❑ ער איז געפאלן חלשות.
- ❑ ער איז נאך מער דערשראקן געווארן און ער איז פארטומלט געווארן .
- ❑ ער איז געווארן קראנק.

**ז. וועמען האט די ווייב פונעם בערגער גענומען צו שפאצירן?**
- ❑ נאך ווייבער.
- ❑ דעם ארימאנ'ס ווייב.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. וועמען האט מען ארויסגענומען פון וואגן צום יעדנירזאל?**
- ❑ די ווייב פון בערגער.
- ❑ די ווייב פון ארימאן.
- ❑ איינע פון אירע חבר'טעס.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**אין וועלכע מעשה נאך פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט א "חלום" ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם**

**וואספארא תורה אין לקוטי מוהר"ן האט דער ו      געזאגט אויף די מעשה ?**
תורה י"ט דעם צווייטן חלק

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# הֵיילִיגֶע סְחוֹרָה




מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן גְלִיק, הֵייבְּן מִיר אָן דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן 'דֶער הֵיילִיגֶער בֶּערְגִיר אוּן דֶער אָרִימַאן'.

דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער בֶּערְגִיר מִיטְן אָרִימַאן, אוּן עֶרְקְלֶערְט אוּנְז בַּאלְד וָואס דֶער בֶּערְגִיר אִיז גֶעוֶוען - אַ גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר מִיט גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן 'מִיט כָּל טוּב'. אוּנְטֶער אִים הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן. בֵּיידֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אוּן - מִיר וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער זֶען - אִיז דֶער אָרִימַאן אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְבִּיטֶערְט.

אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ לוּסְטִיגֶערְהֵייט צוּזַאמֶענְגֶענוּמֶען זִיבְּן אַזֵייגֶער אָוְונְט, בַּיי דִי חֶבְרַת מַתְמִידִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ 'מְקוֹר הַחָכְמָה'. מוֹשִׁי הָאט גֶעטֵיילְט דִי 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' פַאר אַלֶעמֶען, אוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ ר' זְאֵב הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן:

"הַיינְט אִיז פַאר אוּנְז - אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע חַבּוּרָה פוּן אַלֶע קִינְדֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה'! הַיינְט וֶועלְן מִיר אַלֶע זוֹכֶה זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף צוּ אָנְפַאנְגֶען דִי צֶענְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער בֶּערְגִיר אוּן דֶער אָרִימַאן".

"מַשְׁגִּיחַ, וָואס מֵיינְט דָאס אַ 'בֶּערְגִיר'?" הָאט מְנַחֵם גֶעפְרֶעגְט. "הָאסְט גוּט גֶעפְרֶעגְט, אוּן לָאמִיר דִיר עֶס עֶרְקְלֶערְן. אַ 'בֶּערְגִיר' מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט, מִיט גוּט-גֵייעֶנְדֶע גֶעשֶׁעפְטְן, פַארְצְוַוייגְט אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז אַ מְכוּבָּד'יגֶער מֶענְטְשׁ".

"וָואס ווייל דֶער רֶבִּי לֶערְנֶען דֶערְמִיט אַז עֶר אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מוּצְלָח?" פְרֶעגְט יִצְחָק.

"דֶער בֶּערְגִיר אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן גְרוֹיסְן אוּן אֱמֶת'ן צַדִּיק - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. עֶר אִיז דֶער גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע סְפָרִים, טִיפֶע תּוֹרוֹת אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת. זַיין כֹּחַ אִיז גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק, זַיין סְחוֹרָה קוּמְט אָן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט - דָאס הֵייסְט, אַז עֶר אִיז מַצְלִיחַ צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין אֲפִילוּ אוֹיף גָאר וַוייטֶע פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע אִידְן, זֵיי צוּ עֶרְוֶועקְן פוּן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערוּנְג, אוּן מִיר דַארְפְן אוֹיךְ קוּמֶען אוּן קוֹיפְן פוּן זַיין סְחוֹרָה, זִיךְ עֶרְוֶועקְן מִיט זַיינֶע בְּרִיוְון, אוּן אָנְפַאנְגֶען זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע דְּבֵיקוּת. עֶר אִיז אוּמְשְׁטַאנְד צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ נֶפֶשׁ זִיךְ צוּ עֶרְוֶועקְן אוּן אוֹיסְצוּוֶועלְן צוּ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה. עֶר הָאט 'אַלֶעס גוּטְס', וֶוער ווייל דֶען נִישְׁט הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט דֶער וָואס פַארְמָאגְט אָט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן?"...

"אוּן וָואס אִיז מִיטְן אָרִימַאן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט?" הָאט אַבְרָהָם גֶעפְרֶעגְט.

"הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעפְרֶעגְט. דֶער אָרִימַאן הָאט

המשך אויף זייט 10